# DI BEKHERS MIT VAYN   Let's Fill Our Glasses

lyrics - Hirsh Bloshtein
music - Polina Shepherd

1. Khaverim, heybt hekher di bekhers mit vayn,
Zol lebn di libshaft, gezunt zol zi zayn.
Di libshaft fun yokhid tsum yokhid - dem mentsh,
Di frayndshaft fun felker zol zayn unds gebentsht.

Refren:
Mir zaynen ale ot do af der erd
Vayl s’hot unds a libshaft, a groyse bager,
Vos blondzhet in harts vi farborgene shayn,
Biz s’gist zikh in eybikn nign arayn.

2. Di velt iz in gantsn af libshaft geshtelt,
Der gortn, der vald un dos veytsene feld,
Zey shteyen in grins, un in bloy un in gold.
Der far nor? Der far vos di zun hot zey holt.

3. Es vert bloyz durkh libshaft dos lebn gemert,
Iz zol zi gebentsht zayn, di muter di erd,
Di muter – di zun un di muter – di froy!
Dos lebn on libshaft iz kalt un iz groy.

די בעכערס מיט וויַין

חברים, הייבט העכער די בעכערס מיט וויַין,
זאָל לעבן די ליבשאַפֿט, געזונט זאָל זי זיַין.
די ליבשאַפֿט פֿון יחיד צום יחיד ־ דעם מענטש,
די פֿריַינדשאַפֿט פֿון פֿעלקער זאָל זיַין אונדס געבענטש.

דער וועלט איז אין גאַנצן אויף ליבשאַפֿט געשטעלט,
דער גאָרטן, דער וואַלד און דאָס ווייצענע פֿעלד,
זיי שטייען אין גרינס, און אין בלוי און אין גאָלד.
דער פֿאַר נאָר? דער פֿאַר וואָס די זון האָט זיי האָלט.

מיר זיַינען אַלע אָט דאָ אויף דער ערד
וויַיל ס'האָט אונדס אַ ליבשאַפֿט, אַ גרויסע באַגערט,
וואָס בלאָנדזשעט אין האַרץ, די פֿאַרבאָרגענע שיַין,
ביז ס'גיסט זיך אין אייביקן ניגון אַריַין.

עס ווערט בלויז דורך ליבשאַפֿט דאָס לעבן געמערט,
איז זאָל זי געבענטשט זיַין, די מוטער די ערד,
די מוטער ־ די זון און די מוטער ־ די פֿרוי!
דאָס לעבן אָן ליבשאַפֿט איז קאַלט און איז גרוי.

*Friends, let’s drink to love between people and to the friendship of peoples!*
*Love is the foundation of the world. Gardens, woods and barley fields are in blossom because the sun loves them. We all yearn for true love. The secret shine of love is concealed in our hearts until it breaks free in an everlasting melody. Let’s bless Mother Earth, Mother Sun and Mother Woman! Life is cold and gray without love.*

